ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי

שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## מקץ

**(חלק כה שיחה א)**

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים״
770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת מקץ, כד־ל כסלו, ה׳תשפ״ו (א)

# Likkutei Sichot

Copyright © 2025
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# מקץ

א. אין היינטיקער סדרה ווערט דער־ציילט ווי יוסף האָט צוזאַמענגעקליבן דעם „אוכל" אין די שבע שני השבע, און דער פסוק[1] זאָגט: „ויתן אוכל בערים אוכל שדה העיר אשר סביבותי' נתן בתוכה".

וואָס זיינען מחדש די ווערטער „אוכל שדה העיר אשר סביבותי' נתן בתוכה" אויף דעם „ויתן אוכל בערים"[2]? פון „ויתן אוכל בערים" איז פאַרשטאַנדיק אַז ער האָט די תבואה פון די פעלדער אַרום די שטעט אַריינגעגעבן אין די נאָענטס־טע שטעט — פאַרוואָס זאָל מען זיך מטריח זיין צו ברענגען די תבואה אין אַן אַנדער ווייטערער שטאָט[3]?!

אַפילו אויב מען זאָל זאָגן אַז מ'וואָלט עס אַליין ניט פאַרשטאַנען — איז נאָך אַלץ ניט גלאַטיק[4]: למאי נפק"מ דאָס צו דערציילן?

אין מדרש[5] שטייט אויף דעם: „נתן מה שבתחום טברי' בטברי'[6] ומה שבתחום ציפורי בציפורי מפני שכל ארץ וארץ מעמדת פירותי'. ר' נחמי' אמר נתן בהם עפר וקטמיות[7] דברים שהן מעמידין פירות".

דאָס הייסט: לויטביידע דיעות[8] קו־מען די ווערטער „אוכל שדה — נתן גו'" צו דערציילן ווי יוסף האָט באַוואָרנט אַז די תבואה זאָל זיך האַלטן און ניט פאַרפוילט ווערן. דער חילוק ביניהם איז: לויט דער ערשטער דיעה האָט ער דאָס באַוואָרנט דורך לייגן די תבואה בסמיכות צו דער שדה וואו עס האָט געוואָקסן — „מפני שכל ארץ וארץ מעמדת פירותי'" („מעמדת" דאָ — מיינט מקיימת[9]); און לויטן צווייטן מ"ד האָט ער דאָס באַוואָרנט דורך „נתן בהם עפר וקטמיות (וואָס זיינען) דברים שהן מעמידין פירות".

[און ווי מפרשים[10] זיינען מבאר, אַז ר' נחמי' לערנט דאָס אָפּ פון די ווערטער „שדה . . נתן" — אַז „נתן" אויף (עפּעס) פון דעם „שדה . . אשר סביבותי'" (ד.ה. עפר וקטמיות)].

1) פרשתנו מא, מח.

2) ראה גם דבק טוב לפרש"י כאן.

3) באר מים חיים (לאחי המהר"ל) לפרש"י. וראה גם מלאכת הקודש (לפרש"י) כאן.

4) יפה תואר (השלם) לב"ר שבהערה הבאה (הובא גם בנזר הקודש השלם שם). מלאכת הקודש לפרש"י כאן.

5) ב"ר פ"צ, ה.

6) להעיר אשר טברי' וצפורי — הפכים (ראה גם מת"כ לב"ר שם): טברי' עמוקה ביותר וציפורי בהר ובראשו (שבת קיח, ב וברש"י שם. פס"ר פ"ח). — וראה ביכורים פ"א מ"ג, יו"ד.

7) ראה רש"י, מתנות כהונה ויפ"ת (השלם) לב"ר שם. רד"ל שם.

8) כ"ה להמפרשים שנסמנו לקמן הערה 10. וראה לקמן סעיף ב. — וביפ"ת (השלם) מפרש (במדרש) דמ"ש ר"נ „נתן בהם עפר כו'" אינו פירוש הכתוב כ"א רק עצת יוסף לקיים התבואה, אבל פי' הכתוב „אוכל שדה העיר גו'" הוא — שגם „אוכל שדה כל עיר שסביבות ארץ מצרים נתן בתוך ארץ מצרים".

9) מת"כ שם. וראה רד"ל שם שמציין לקה"ר עה"פ (א, ד) והארץ לעולם עומדת (ומת"כ שם).

10) פי' מהרז"ו לב"ר שם. וראה גם נחלת יעקב לפרש"י כאן. — ובעוד מפרשים (נזר הקודש השלם) ורד"ל לב"ר שם. משכיל לדוד ומלאכת הקודש לפרש"י כאן) שנלמד מהתיבות „אשר סביבותי'" (ע"ש).

ב. רש״י בפירושו על התורה[1] שטעלט זיך אויף די ווערטער „אוכל שדה העיר אשר סביבותי׳ נתן בתוכה״ און איז מפרש: „שכל ארץ וארץ מעמדת פירותי׳ ונותנין בתבואה מעפר המקום ומעמיד את התבואה מלירקב״.

בפשטות — קומט רש״י באַוואָרענען שאלה הנ״ל „למאי נפק״מ״ 1) האָט מען עס געטאָן — און 2) אויב כנ״ל פאַר־שפּאָרן טרחא — צוליב וואָס דערציילט דאָס תורה —

אָבער רש״י זאָגט ביידע ענינים בהמשך אחד (מיט אַ וא״ו החיבור — „שכל ארץ כו׳ ונותנין כו״ און זאָגט ניט „ד״א״ וכיו״ב) איז מובן, אַז לויט רש״י מיינט דער פסוק ביידע באַוואָרענישן צוזאַמען[11] — כדי צו „מעמיד״ זיין די תבואה האָט יוסף געהאַלטן די תבואה (בסביבותי׳ דוקא) בסמיכות צו דער שדה וואו זי איז געוואַקסן און ער האָט אויך אַריינגעטאָן אין דער תבואה „מעפר המקום״.

רש״י איז מצרף צוויי דיעות מחולקות אין איין און דעם זעלבן פירוש?!

עס זיינען פאַראַן מפרשים[12] וואָס זאָגן, אַז ר׳ נחמי׳ איז — לויט פרש״י (ניט מחולק מיטן תנא קמא, נאָר ער איז) מוסיף אויף דער ערשטער דיעה: כדי צו באַוואָרענען אַז די תבואה זאָל ניט פאַרפוילט ווערן פאָדערן זיך ביידע זאַכן — אַזוי נעמט אָן רש״י בפירושו.

עס בלייבט אָבער ניט גלאַטיק: פרש״י על התורה איז דאָך פשוטו של מקרא [ובפרט בנדו״ד, וואו רש״י זאָגט ניט אויף דעם פירוש „רבותינו דרשו״ (וכיו״ב), און איז ניט מציין אַז דער פירוש איז פון בראשית רבה] — וואָס איז דער הכרח אין פשוטו של מקרא אַז יוסף האָט געטאָן צוויי זאַכן צו פאַרהיטן די תבואה פון רקבון[13]?

מפרשים זאָגן[14], אַז ביידע זאַכן זיינען מרומז אין לשון הפסוק: פון „אוכל שדה העיר . . נתן״ ווייס מען, אַז ער האָט דעם אוכל אַריינגעגעבן אין דער עיר; און פון לשון „שדה . . נתן בתוכה״ איז יש לדייק (כנ״ל) אַז מ׳האָט אויך דעם (עפר ה)שדה אַריינגעגעבן אין דער תבואה.

אָבער צ״ע צו זאָגן אַזאַ פירוש אין דרך הפשט: אין פסוק שטייט דאָך איין מאָל „נתן״. איז עס דאָך היפך פשש״מ צו טייטשן אַז דאָס מיינט[15] צוויי פאַרשידענע נתינות אין באַזונדערע ערטער: נתינת התבואה בעיר, און נתינת העפר בתבואה[16]!

11) בצידה לדרך כאן „ואל תתמה איך פרש״י ב׳ פירושים דתרי תנאי ולא כתב ד״א כי זה מנהגו״ (וראה דברי דוד להט״ז כאן). וכבר תמה עליו בבאר יצחק לפרש״י כאן.

ומ״ש בדבק טוב כאן „ונסתפק בעיני הגאון איזה טעם הוא אליבא דהלכתא והביאו שניהם״ — לכאורה דוחק גדול הוא.

12) יפ״ת (השלם) לב״ר שם (הובא גם בנזה״ק שם). באר יצחק לפרש״י כאן. וראה מלאכת הקודש (באו״א קצת).

13) בבאר יצחק „ולא אמר (רש״י) כן מכח דיוק הכתוב רק מכח הידיעה״. וצע״ג לפרש כן בפרש״י עה״ת שענינו פשש״מ, כבפנים.

14) משכיל לדוד (ובמלאכת הקודש באו״א קצת) לפרש״י כאן. וראה שאר מפרשים שבהערה 10.

15) כלשון המשכיל לדוד: ונתן בתוכה דכתיב בקרא אתרווייהו קאי.

16) ובכלל צ״ע איך אפשר לפרש „נתן בתוכה״ על נתינת העפר בתבואה — והרי בפסוק נאמר „אוכל״ (ולא „תבואה״) וא״כ הול״ל „בתוכו״*. וראה לקמן בפנים.

*) להעיר מלבוש האורה ומלאכת הקודש כאן בפי׳ „נתן בתוכה״ (בשדה). ע״ש.

לכאורה קען מען ענטפערן, אַז רש״י מיינט ניט צו זאָגן אַז „נתן בתוכה״ מיינט אַ צווייטע נתינה — נתינת העפר בהתבואה, נאָר דער טייטש פון „אוכל שדה״ איז: יוסף האָט דעם „אוכל״ צוזאַמען מיט׳ן „שדה״ ( — דעם עפר השדה) אַריינגעגעבן „בתוכה״ אין דעם עיר (ובמילא ווייס מען אַז ער האָט אַריינגעגעבן אין דער תבואה מעפר המקום).

עס בלייבט אָבער ניט גלאַטיק: וואָס איז דער הכרח בפשוטו[17] של מקרא אַז (אויך) דער אַריינגעבן דעם אוכל בעיר שסביבותי׳ איז געווען צוליב מעמיד זיין די תבואה[18]?

ג. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדים כמה דיוקים אין לשון רש״י (כולל — שינויים פון לשון המדרש):

א) ביים ערשטן ענין זאָגט רש״י (ווי אין מדרש) „מעמדת פירותי׳״, אָבער דערנאָך ביים צווייטן ענין איז רש״י מוסיף דעם וואָרט „(ומעמיד..) מלירקב״. ולכאורה, איפכא מסתברא: אויב רש״י דאַרף קלאָר מאַכן דעם פירוש פון „מעמיד״ (אַז דאָס מיינט „מלירקב״) — האָט ער געדאַרפט גלייך ביים ערשטן מאָל זאָגן דעם ביאור.

ב) אין מדרש שטייט „נתן בהם עפר וקטמיות דברים שהן מעמידין פירות״, אָבער רש״י זאָגט „מעפר המקום״ — ד.ה. עס איז ניט גענוג סתם עפר (אָדער „קטמיות״)[19], נאָר עס מוז זיין אַן „עפר״ פון דעם אָרט וואו די תבואה איז געוואַקסן.

ג) רש״י הויבט אָן „שכל ארץ כו׳ מעמדת פירותי׳״, אָבער דערנאָך איז ער משנה און זאָגט „ומעמיד את התבואה״ (ניט — „הפירות״). נאָך מער: אין מדרש שטייט טאַקע אויך בדברי ר׳ נחמי׳ „מעמידין פירות״.

ד. וי״ל הביאור אין דעם, אַז מיט די דיוקי ושינויי לשונות מאַכט רש״י קלאָר זיין כוונה (וועלכע איז אַנדערש מכוונת המדרש)

— און ווי גערעדט כמה פעמים[20], אַז אַפילו אין די ערטער וואו עס זעט אויס אַז רש״י האָט ניט מחדש געווען אַ פירוש — נאָר איז בלויז מעתיק פירוש (לשון) חז״ל, איז וויבאַלד אַז רש״י קומט מפרש זיין די פסוקים צו אַ לומד לויט פשוטו של מקרא (בן חמש למקרא), דאַרף אויך לשון רש״י געטייטשט ווערן לויט פשטות המשמעות פון זיינע ווערטער (ווי זיי ווערן פאַרשטאַנען פון אַ בן חמש למקרא), אע״פ אַז אין מדרש ווערט מיט דעם לשון געמיינט אַנדערש;

ועד״ז בעניננו: אע״פ אַז לשון רש״י איז ענלעך צו לשון המדרש, איז אָבער רש״י׳ס כוונה ווי דער פירוש הפשוט פון זיינע ווערטער — דהיינו:

„שכל ארץ וארץ מעמדת פירותי׳״ — „מעמדת״ כפירושה הפשוט[21] (ווי לשון

---

17) ובפרט אשר בשכל פשוט אין שייכות ביניהם — כדלקמן בהערה 28.

18) ואף שנתינת האוכל בעיר הסמוכה (דוקא) היא מילתא דפשיטא ולמאי נפק״מ להודיע זה (כנ״ל בתחילת השיחה) — הרי באם נתינה זו היתה כדי להעמיד התבואה, וא״כ הוצרכו לשתי נתינות שונות להעמיד התבואה — דוחק גדול לומר שהפסוק ירמז שתיהן יחד ב„נתן״ א׳.

19) וכפשטות לשון הגמרא (שבת לא, סע״א — הובא ביפ״ת השלם ורד״ל לב״ר שם) „מערב אדם קב חומטון בכור של תבואה״.

20) ראה לקו״ש ח״כ ע׳ 156 הערה *18. שם ע׳ 199. ועוד.

21) כי אם כוונת רש״י היא „מקיימת״ — הו״ל לפרש זה, ובמכש״כ מזה שמפרשי המדרש הוצרכו לפרש זה (ראה בהמצוין בהערה 9).

רש״י בפרשה שלפני זו[22] „להעמיד ממנו בנים״): יעדער לאַנד שטעלט אויף, מאַכט וואַקסן אירע (ספּעציעלע) פּירות. ד.ה. אַז איין לאַנד איז צוגעפּאַסט פאַרן געוואוקס פון די און די פּירות, און אַן אַנדער לאַנד — פאַר אַנדערע פּירות. ע״ד ווי מ׳האָט שוין פריער געלערנט[23] אַז מצרים איז אַ לאַנד וואָס איז „מגדל פשתן״,

— און נאָכמער: אין איין ארץ קען זיין פערשידענע ארצות, ע״ד „בארץ מצרים בארץ גושן״[24] — איז יעדערע פון זיי „מעמדת פּירותי׳״, ווי רש״י האָט שוין געבראַכט פריער בפירושו[25].

למאי נפק״מ? — איז רש״י ממשיך: „ונותנין בתבואה מעפר המקום ומעמיד את התבואה מלירקב״: וויבאַלד אַז יעדער לאַנד גיט אַרויס אירע ספּעציעלע פּירות, איז פאַרשטאַנדיק, אַז די ערד פון יעדן לאַנד האָט באַשטימטע תכונות וועלכע זיינען צוגעפּאַסט[26] צו אירע פּירות, און דערפאַר איז דער „עפר המקום (ו)מעמיד את התבואה מלירקב״, אַז די תבואה ווערט פאַרהיט פון רקבון דורך אַריינגעבן אין איר „עפר״ דוקא פונעם אָרט וואו זי וואַקסט.

עס איז אָבער פאַרשטאַנדיק בפשטות — אַז אויב ער האָט אַריינגעמישט מעפר המקום וועלכער איז שולל רקבון — איז קיין נפק״מ ניט אין וועלכער עיר די תבואה וועט זיין[27].

ה. עפ״ז פאַלט אָפּ בדרך ממילא די שאלה הנ״ל (סעיף ב) — וואו שטייען אין פסוק צוויי פעולות — ווייל לויט רש״י האָט יוסף געטאָן בלויז איין זאַך צו באַוואָרענען רקבון התבואה: „ונותנין בתבואה מעפר המקום״[28] (און אין דעם באַשטייט דער חידוש פון „אוכל שדה העיר אשר סביבותי׳ נתן בתוכה״ — אַז דער „נתן בתוכה״ איז געוועזן מיט „שדה . . אשר סביבותי׳״, מעפר המקום (כנ״ל סוס״ב)) —

משא״כ „שכל ארץ וארץ מעמדת פירותי׳״ האָט קיין שייכות ניט צו „מעמיד . . מלירקב״, דאָ בפרש״י — זיינען זיי בלויז אַ הקדמה[29] צום ביאור פאַר־וואָס דער „עפר המקום״ איז „מעמיד את התבואה מלירקב״.

און רש״י דאַרף ניט באַוואָרענען פאַרוואָס מען האָט געגעבן די תבואה בעיר סביבותי׳ — ווייל[30] ס׳איז מפורש בכתוב (לויט פרש״י): ותעש הארץ כתרגומו (וכנשו דיירי ארעא) ויקבוץ גו׳ ויתן אוכל בערים — איז פאַרשטאַנדיק בפשטות אַז דיירי ארעא האָבן עס אַריינגעגעבן בסביבותי׳, בעירם.

אָבער לאידך, איז דאָס ניט ווי ס׳איז משמע פון פשטות לשון ר׳ נחמי׳ אַז עפר בכלל איז אַ דבר המעמיד פירות (כנ״ל ס״ג), נאָר דער דיוק דאָ איז —

22) וישב לח, יד. שם, כו. לט, א. ובכ״מ.

23) פרש״י בראשית ב, יא.

24) ויגש מז, כז ובפרש״י שם. ולפני זה — מז, וא״ו.

25) וישלח לו, כ.

26) ראה גם לבוש האורה לפרש״י כאן (אלא שגורס ומפרש בפרש״י באו״א).

27) להעיר מהראב״ע (מא, לה) שכל ערי מצרים (ומובן ממנו שבפרט עיר מצרים שהיא על שפת היאור) גרמו רקבון.

28) והטעם שנקט רש״י פירוש זה דוקא (ולא כדיעה הא׳ בב״ר שם) — כי בפשטות אין שייכות דעיר שבה התבואה לשלילת רקבון. ועוד — דוקא לפ״ז מובנת אריכות לשון הפסוק, כנ״ל סעיף א (ובהנסמן בהערה 10).

29) וכמודגש ג״כ בזה שהשמיט רש״י תיבת „מפני״ שבמדרש שם („מפני שכל ארץ כו׳״), וכן תחילת לשון המדרש „נתן מה שבתחום כו׳״ (אלא שבזה אפ״ל שלא הוצרך רש״י לכתוב זה כי מפורש הוא בכתוב).

30) נוסף על הנ״ל בתחילת השיחה.

„מעפר המקום", פון דעם מקום וואו די תבואה איז געוואַקסן (און דער טעם הדבר איז, כנ"ל, ווייל „כל ארץ וארץ מעמדת פירותי'" — שלה דוקא).

און דערמיט איז אויך מוסבר בפשטות דער שינוי לשון אין רש"י: ער הויבט אָן „כל ארץ כו' פירותי'" און איז דערנאָך ממשיך „ונותנין בתבואה . . מעמיד את התבואה" — ווייל פריער איז כוונת רש"י צו זאָגן אַ כלל, אַן ענין כללי בנוגע צו אַלע מיני פירות, אַז יעדער לאַנד („כל ארץ וארץ"[31]) גיט אַרויס „פירותי'" (און דערפאַר נוצט רש"י דעם לשון „פירות" — כל מיני פרי הארץ — ניט נאָר תבואה); משא"כ דערנאָך, וואו רש"י איז מפרש און רעדט בפרטיות וועגן דעם ענין וועגן וועלכן דער פסוק רעדט דאָ (די נתינה וואָס איז „מעמיד . . מלירקב"), איז ער מפרש דעם „אוכל" פון פסוק — תבואה[32].

ו. אַ הוראה בעבודת כל אחד ואחד — פון דעם פירוש רש"י:

די פירות, די „תבואה" פון אַן אידן איז תורה[33] וואָס ער לערנט. בשעת אַ איד זאַמלט אָן אַ סך תבואה — אַ ריבוי אין תורה (ומצותי') — דאַרף ער וויסן זיין אַז כדי די תורה זאָל בלייבן בײַ אים, איז דאָ אַן איין און איינציקע עצה — „ונותנין בתבואה מעפר המקום": מען דאַרף אַריינגעבן אין דעם לימוד התורה דעם ענין פון עפר, דעם ביטול פון „ונפשי[34] כעפר לכל תהי'", און דוקא דורך דעם ווערט דער „פתח[34] לבי בתורתך".

רש"י איז מוסיף אַ הוראה עקרית — אַז דאָס דאַרף זיין „מעפר המקום", פון דעם זעלבן אָרט וואו די תבואה איז געוואַקסן: בנוגע אומות העולם, גוי'עשקייט, אסקופה הנדרסת[35] לכל דבר, יצר הרע — איז אדרבא — דאַרף זיין כהתחלת השו"ע: הוי עז כנמר וגבור כארי.

אַ איד קען טראַכטן: אמת טאַקע אַז בכדי עס זאָל זיין דער „פתח לבי בתורתך", צו ווערן אַ כלי אויף תורה, מוז בײַ אים זיין דער ענין הביטול, אַז זיין „נפש" זאָל זיין כעפר, ובמילא איז ער עס מקיים און מאַכט זיך „כעפר", אָבער וואו איז זיין „עפר" און ביטול — ערגעץ אַנדערש, ניט בנוגע זיין תורה:

אַז עס קומט צו „זיין תורה" — מאָנט ער פאַר זיך כבוד התורה — ווען ער קומט אַריין אין אַ מסיבה מאָנט ער אַז אַלע דאַרפ'ן זיך אויפשטעלן פאַר אים, בײַ קריאת התורה מאָנט ער די חשוב'-סטע עלי' וכו'.

אַי מען דאַרף האָבן ביטול, עפר — טוט ער עס אָבער ניט „מעפר המקום (דתורה)": תורה זאָגט: ואהבת לרעך כמוך[36], מ"ע של תורה על כל חכם וחכם מישראל ללמד את כל התלמידים אעפ"י שאינן יוצאי יריכו[37], תורה זאָגט: דו

31) עפ"ז יומתק (יותר) ג"כ השינוי בלשון רש"י — „כל ארץ וארץ כו' (ואח"כ) מעפר המקום" — דלכאורה הו"ל לנקוט בב' המקומות אותה הלשון („ארץ . . מעפר הארץ" או „כל מקום ומקום . . מעפר המקום"). — וראה רש"י וישלח שם „קנה".

32) ראה רש"י לקמן (מא, נה) „שהרקיבה תבואתם" (ובפסוקים לפנ"ז „לחם . . ללחם").

33) ראה סנהדרין מב, א ובתוד"ה ורב תבואות שם.

34) נוסח אלקי נצור (ברכות יז, א) בסיום שמו"ע. וראה גם שבת שם: אי יראת ה' כו' משל כו' עירבת לי בהן קב חומטון כו'.

35) ל' הש"ס — עירובין צח, א (ע"י „רגל הרבים כו' איכא בזיון" — רש"י שם).

36) ראה תניא פל"ב. וראה קונט' אהבת ישראל (ברוקלין, תשל"ו. ועוד).

37) הל' ת"ת לאדה"ז פ"א ס"ח.

מוזט זיין אַ מרביץ תורה בנשמתו, בגופו, בממונו — טענה׳ט ער ונפשי כעפר: מה אני ומי אני, ער איז ניט גענוג שטאַרק ברוחניות צו אַרויסגייען זיך עוסק זיין אין הרבצת התורה, ער איז דאָך „כעפר״, איז די דרויסנדיקע סביבה קען אויף אים האָבן אַ ניט גוטע השפעה, מוז ער דעריבער בלייבן איינגעשלאָסן אין זיינע אייגענע ד׳ אמות ודוקא מצומצמות — אפילו טפח מחוץ לזה, אייגענע משפחה, אידן בשכונתו, בעירו וכו׳ — לא.

אויף דעם איז דאָ די הוראה פון פירוש רש״י, אַז דער „עפר״ דאַרף זיין פון דעם זעלבן „מקום״ וענין גופא וועלכן מען וויל אָפּהיטן און אויסהיטן — עס איז ניט גענוג דער ביטול אין אַנדערע ענינים נאָר מען דאַרף זיך האַלטן „כעפר״ אין דעם ענין התורה גופא.

ז. תורה איז חכמתו של הקב״ה, וואָס איז אינגאַנצן העכער פון שכל פון אַ נברא. און דעריבער[38], כדי אַז תורתו של הקב״ה זאָל ביי אַ נברא נקלט ווערן כדבעי, מוז זיין ברכו בתורה תחלה[39] — ווען ער לערנט תורה באַוואָרנט ער תחלה אַז ער זאָל וויסן כדרוש וועגן נותן התורה, ער באַוואָרנט אַז די תורה פועל׳ט באַ עם יראת הוי׳ נותן התורה (ואהבתו) נאָכמער פון פריער.

און נאָכמער: וויבאַלד אַז תורה איז חכמתו של הקב״ה איז פאַרשטאַנדיק, אַז אויף צו קענען האַלטן און אויפהאַלטן אין זיך תורתו של הקב״ה, איז ניט גענוג דער הרגש פון „ונפשי כעפר לכל תהי׳״ שקודם הלימוד ובעת הלימוד, נאָר עס דאַרף זיין „ונותנין בתבואה מעפר המקום״: אויך אין דער שוין „צוזאַמענ־געקליבענער״ געלערנטער תורה מוז זיין דער ענין הביטול — מען דאַרף שטענדיק געדענקען אַז דאָס איז „נתן לנו את תורתו״, און אַז „נותן התורה״ איז לשון הווה — בשעת ער לערנט אַ וואָרט, ו„אפילו אות אחת״, בתורה איז הקב״ה קורא ושונה כנגדו[40] — און תורה מאָנט פון עם[41] ער זאָל זיין בשעת מעשה „באימה וביראה וברתת ובזיעה״ — איז ווי איז מעגליך באַ אַ נאָרמאַלן מענשען אַז ער זאָל דאָס לערנען ע״מ לקנתר, אָדער ע״מ להתכבד בקלון חברו[42], אָדער אפילו להתכבד סתם.

ואפילו הגדול באמת בתורה — גע־דיינקט ער דאָך זיכער, זכרון כדבעי אַז וויפל מען פאַרשטייט און מ׳וויס אין חכמת התורה איז — ארוכה מארץ מדה ורחבה מני ים[43], און נאָכמער: ארוכה — שלא בערך — זי איז חכמתו של הקב״ה, ואהי׳ אצלו גו׳ שעשועים גו׳[44].

און דעמאָלט האָט זיין תורה אַ קיום ער איז „מעמיד את התבואה מלירקב״ ח״ו.

ח. נאָך אַ הוראה כללית — פון כללות פירוש רש״י:

דאָס וואָס יוסף האָט מפרנס געווען כל הארץ[45] בשנות הרעב קומט צו לערנען, אַז בשעת עס הערשט אין

38) ראה בארוכה בכ״ז — לקו״ש חט״ו ע׳ 326 ואילך. וש״נ.

39) נדרים פא, א. ב״מ פה, רע״ב. וראה ב״ח לטאו״ח סמ״ז (ד״ה ומ״ש דאמר) עיי״ש היטב.

40) תדא״ר רפי״ח. יל״ש איכה רמז תתרלד.

41) ברכות כב, א.

42) ראה ברכות כח, ב: בכניסתו מהו אומר כו׳ ולא אכשל בדבר הלכה וישמחו בי חברי . . ולא יכשלו חברי בדבר הלכה ואשמח בהם.

43) איוב יא, ט.

44) משלי ח, ל. וראה תניא קו״א ד״ה דוד זמירות (קסא, א).

45) פרשתנו מא, נז.

וועלט אַ מצב פון הונגער ברוחניות, אַ מצב פון עם הארצות וכו׳, ליגט אויף יעדן אידן (וואָס יעדער איד ווערט אָנ־גערופן „יוסף״[46] ברוחניות) דער חיוב צו שפייזן כל העולם כולו, אפילו חוצה, מיט מזון רוחני.

דערביי לערנט רש״י, אַז מען דאַרף ניט נאָר באַזאָרגן אידן מיט רוחניות׳די־קער שפייז, נאָר נאָכמער — מען דאַרף אָנזאַמלען ביי זיך אַ ריבוי אוכל כדי צו קענען באַזאָרגן יעדן אידן וואָס ער וועט זיך דערוויסן בעתיד אַז ער דאַרף דערצו אָנקומען — און נאָכמער:

**מען דאַרף** זוכן **עצות ווי צו באַוואָרע־נען אַז דער מזון רוחני וואָס מען גרייט אָן און מען גיט אַ צווייטן אידן זאָל זיין אַ דבר של קיימא — „מעמיד את התבואה מלירקב״. אַז דאָס וועט ביים מקבל בלייבן און פועל זיין ביז כל משך ימי חייו, אַ פעולה נמשכת ביז אויך בבניו וכו׳ — תורה ווי זי איז מיט אַ ברכה תחלה, נותן התורה לשון הווה.**

(משיחות ש״פ מקץ תשמ״ג)

46) תהלים פ, ב וברש״י ומצו״ד שם. וראה לקמן ע׳ 252 ואילך.